Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 124/1419 | Łódź, Wtorek 29 maja 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג י׳ סיון תרפ״ח | Nr. 124/1419

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער היסגעליבטער

## נ. ע. מאניש (מאקס) מאנדעלס

איז עלטער פון 61 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 29-טען מאי, 3 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז סקוועראווא 6, וועגען וואס עס טיילען מיט די אין צער פערבליבענע

פרוי, טעכטער, זוהן און איידעמס.

געזעלש. „הזמיר" זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטש 20

מיטוואך, דעם 30-טען מאי, 8.30 אוועגד קומט פאר דער לאנג-צוגעגרייטער

## קאנצערט פון סינאגאגאלער מוזיק

מיט דער בעטייליגונג פון וועלט-בעריהמטען חזן, אויבער-קאנטאר פון דער טלאמאצקער סינאגאגע אין ווארשא

### משה קוסעוויצקי

און מיט דעם אנטייל פון פערגרעסערטן „הזמיר"-כאר אונטער דער לייטונג פון דעם דיריגענט ה׳ י. פיוווישים

אין פראגראם: די שענסטע סינאגאגאלע קאמפאזיציעס פון: זעלצער, לעוואנדאווסקי, בלומענטאל, בירנבוים, זילבעריק און אנד.

בילעטען שוין צו בעקומען ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

## תאהרט איהר אויף ערהאלונג געדענקט!

דאס איהר מוזט איינקויפען אייערע קאסמעטיק

ווי: פערפומען, זייפען, געזיכטס-קרעמען, פודער

נור אין די ביליגסטע קוועלע — פון דער ערשטער — קאנקורענץ-פערפומעריע

S. BUCHWEITZ, PIOTRKOWSKA 22
Telefon Nr. 31-43.

## אכטונג! שטיקער- און וועשנייער-מייסטער-פעראיין

ביי דעם צענטר. האנדוו.-פערבאנד, פאלודניאווא 4.

מיר געבען צו וויסען אונזערע מיטגלידער און נישט מיטגלידער פון פאלגענדע פאכען: שטיקער, וועש-נייער, לעבער-נייער, גארסעטען-מאכער, קראגען- און פארהעמדער-נייער, אויבערוועש-נייער און אויבער-לאקער.

אזוי ווי דאס ארויסנעמען פון די צעכאווע האנדווערקער-קארטען איז נאר צייט

### ביז דעם 15. טשערוויעץ ד. י.

דארום טאר קיינער נישט זיין גלייכגילטיג און ארויסנעמען זיין קארטע ביז דעם אויבענדערמאנטען טערמין, דען דאס האנדעלט זיך אין זיין אייגענער עקזיסטענץ ווייטער צו קענען פיהרען זיין ווערקשטעל.

דאס ארויסנעמען פון די קארטען קען מען יעדען טאג אויסער שבת פון 9 ביז 10 אוועגד אין שטיקער- און וועשנייער-מייסטער-פעראיין, פאלודניאווא 4. 988

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט און וועגערישע קראנקהייטען און ליכט-היילאינסט. נעמט אן פון 4—7 אין אוונט

Dr. med.
L. Pikielny
אורהאלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאזען- און הארן-קראנקהייטען
Nawrot 8,
telefon 19-90.
נעמט אן פון 4—7 אין אוונט

Dr. med.
NIEWIAŻSKI
Sienkiewicza 34
tel. 59-40.
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען בעהאנדל. פון מענער-שוואכע נעמט אן פון 5—9 אוונט

Dr. med.
Wolf Eychner
פרויען-קראנקהייטען און אקושעריע
זגערזער 11 טעל. 84-72
נעהמט אן אין דער לעטשניצע פעטריקאווער 294 פון 12—2 נאכמ. און דערהיים פון 6-8 אוונט

## עפענטליכע דאנקזאגונג.

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען דאנק דעם געעהרטען

### סענאטאר ה׳ שלמה בודזינער

וועלכער האט מיט זיין אינטערווענץ ארויסגעהאלפען אונזערס א מיטגליד פון א קריטישער לאגע.

האנדווערקער-פערבאנד
פאלודניאווא 4,

פליישער-פעראיין, פיעטריקאווער 24.

## אכטונג, בעקער-מייסטער!

דערמיט טייל איך אייך מיט, אז צוליב די בעליידיגענדע ווערטער פון ה׳ זייטמאז געגען ה׳ וואלף יונה וויינבערג אויף דער פעראייניגונגס-זיצונג, וועלכע איז פארגעקומען זונטאג דעם 27. מאי אונטער מיין פארזיץ, רעזיגניר איך אלס פרעזעס פון בעקער-מייסטער-פעראיין און אויך פון דער פערוואלטונג 385 מיט אכטונג

מ. פאזנאנסקי.

## די בעוואוסטע תורה ודרך-ארץ עם גן-ילדים לעהר-אנשטאלט נאוואמיעסקא 22

איז מודיע, אז אין צוזאמענהאנג מיט דער פעראָרדנונג פון דער שול-מאכט נומער 1202/8, אז די עלטערן, וואס ווילען. אז זייערע קינדער זאלען זיך לערנען אין פריוואטע לעהר-אנשטאלטען דארפען זייערע קינדער איינשרייבען שפעטעסטענס ביז׳ן 31-טען מאי. אין געגענפאל דראהט די קינדער איינגעשריבען צו ווערען אין די שטאטישע פאלקס שולען. די דאזיגע פעראָרנונג איז חל אויף די ביז-איצטיגע תלמידים און נעמט אויך ארום די קינדער, געבוירענע אין יאהר 1921. איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין דער שול-קאנצעלאריע טעגליך פון 9 — 2 בייטאג און פון 4 — 7 אין אוועגד.

געדענקט, אז נאך עטליכע טעג זענען פערבליבען! פערנאכלעסיגט נישט דעריבער דעם אינטערעס פון אייערע קינדער!

די לייטונג.

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס אונזער ג׳ עהרען-פרעזעס מו״צ הרב שמואל שליט״א קנאפה ביים גרינעם מארק צוליב׳ן טויט פון זיין פרוי

### יענטע ראכיל נ.ע.

המקום ינחם אותו בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון תלמוד-תורה גליל גרינער מארק, ליפאווא 31.

